# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת מקץ, שבת חנוכה, א' דר"ח טבת, שנת תשע"ט לפ"ק
שנה 8, גליון 13 (373)


**זמנים (NYC)**

הדלקת הנרות.................. **4:13**
מוצאי שב"ק...................... **5:41**

**שיעורים כסדרן**

נ"ך...................יחזקאל ט"ז-י"ז
בבלי.........................חולין י"א
ירושלמי.....................דמאי כ"א
תוספתא.........אהלות פרק ח'
רמב"ם.........שמיטה ויובל י"א

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וְהָיָה הָאֹכֶל לְפִקָּדוֹן לָאָרֶץ לְשֶׁבַע שְׁנֵי הָרָעָב אֲשֶׁר תִּהְיֶיןָ בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם וְלֹא תִכָּרֵת הָאָרֶץ בָּרָעָב.** יוֹסֵף הַצַּדִּיק הָאט גֶעזָאגְט פַאר פַּרְעֹה אַז מֶען זָאל אַוֶועקְלֶייגְן דִי עֶסְן פוּן דִי זַאטֶע יָארְן פַאר דִי הוּנְגֶער יָארְן, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען נִישְׁט שְׁטַארְבְּן פַאר הוּנְגֶער.

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אַז דֶער פָּסוּק קוּמְט אוּנְז מְרַמֵּז זַיין, דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רכ"ב) אַז אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אַז אַ בְּלִינְדֶער מֶענְטְשׁ ל"ע וֶוערְט גֶעפִירְט דוּרְךְ אַ זֶעעֶנְדִיגֶער מֶענְטְשׁ, אָדֶער דֶער בְּלִינְדֶער גֵייט מִיט אַ שְׁטֶעקְן וָואס וַוייזְט אִים דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג, אוּן דֶער בְּלִינְדֶער פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְ'ן אַנְדֶערְן מֶענְטְשׁ אָדֶער אוֹיפְ'ן שְׁטֶעקְן אַז זֵיי וֶועלְן אִים פִירְן אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ, עֶס זֶענֶען דָא צַייטְן וָואס עֶר אִיז אַזוֹי וִוי בְּלִינְד, עֶר פִילְט גָארְנִישְׁט קַיין גֶעשְׁמַאק אִין דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר טְרַאכְט אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, עֶר טְרַאכְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים שׁוֹין נִישְׁט הָאבְּן, אִין אַזַא צַייט אִיז דִי עֵצָה זִיךְ צוּ דֶערְמַאנֶען אִין דִי גוּטֶע צַייטְן וֶוען מֶען הָאט יָא גֶעפִילְט אַ גֶעשְׁמַאק אִין עֲבוֹדַת ה', אוּן דָאס גִיבְּט דִי כּוֹחוֹת וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין אֲפִילוּ יֶעצְט אוֹיף דִי מִינוּט פִילְט מֶען עֶס נִישְׁט.

דָאס קוּמְט אוּנְז דֶער פָּסוּק מְרַמֵּז זַיין, **וְהָיָה הָאֹכֶל לְפִקָּדוֹן לָאָרֶץ לְשֶׁבַע שְׁנֵי הָרָעָב,** דִי עֶסְן וָואס מֶען הָאט אִין דִי זַאטֶע יָארְן, דָאס מֵיינְט דִי גֶעשְׁמַאק וָואס מֶען פִילְט פוּן צַייט צוּ צַייט אִין עֲבוֹדַת ה', דָאס דַארְף מֶען אַוֶועקְלֶייגְן אוּן עֶס גֶעדֶענְקֶען אִין דִי צַייט וָואס מֶען פִילְט עֶס נִישְׁט.

(זֹאת הַתּוֹרָה מִקֵּץ א)

***

**עֶס קוּמְט אֵייבִּיג אוֹיס דֶער יוֹם טוֹב חֲנֻכָּה, אִין פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב אוּן מִקֵּץ.** מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אַז דָאס אִיז דֶערְפַאר, וַוייל אִין דִי פַּרְשִׁיוֹת זֶעעֶן מִיר אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַז יוֹסֵף הַצַּדִּיק אִיז גֶעזִיצְן אִין תְּפִיסָה, אוּן דִי תּוֹרָה דֶערְצֵיילְט אוּנְז אַז נָאכְדֶעם וָואס יוֹסֵף הָאט פּוֹתֵר חָלוֹם גֶעוֶוען פַאר דֶעם שַׂר הַמַּשְׁקִים, הָאט עֶר אִים גֶעבֶּעטְן אַז עֶר זָאל אִים דֶערְמַאנֶען פַאר פַּרְעֹה.

אָבֶּער דִי תּוֹרָה זָאגְט **"וְלֹא זָכַר שַׂר הַמַּשְׁקִים אֶת יוֹסֵף וַיִּשְׁכָּחֵהוּ"** - דֶער שַׂר הַמַּשְׁקִים הָאט נִישְׁט גֶעדֶענְקְט צוּ דֶערְמַאנֶען יוֹסֵף פַאר פַּרְעֹה, זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ: וַוייל יוֹסֵף הָאט זִיךְ פַארְלָאזְט אוֹיפְ'ן שַׂר הַמַּשְׁקִים, אַז עֶר וֶועט אִים דֶערְמַאנֶען פַאר פַּרְעֹה, דֶערְפַאר הָאט עֶר צוּבַּאקוּמֶען נָאךְ צְוֵויי יָאר אִין תְּפִיסָה, וַוייל מֶען דַארְף זִיךְ פַארְלָאזְן נָאר אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דָאס אִיז מַמָּשׁ דִי זֶעלְבֶּע וִוי דֶער יוֹם טוֹב חֲנוּכָּה, דִי יְוָנִים הָאבְּן אַיינְגֶערֶעדְט פַאר דִי מֶענְטְשְׁן אַז דִי וֶועלְט פִירְט זִיךְ בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע, אָבֶּער דִי הֵיילִיגֶע חַשְׁמוֹנָאִים הָאבְּן מִלְחָמָה גֶעהַאלְטְן מִיט זֵיי, אוּן אוֹיסְגֶערוּפְן מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, עֶס גֶעשֶׁעט גָארְנִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין.

דֶערְפַאר אִין דִי טֶעג וָואס מִיר לֶערְנֶען אִין דִי פַּרְשָׁה אַז מֶען דַארְף זִיךְ פַארְלָאזְן נָאר אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דִי פַּאסִיגְסְטֶע צַייט פַאר דֶעם יוֹם טוֹב חֲנֻכָּה, וֶוען דִי הֵיילִיגֶע חַשְׁמוֹנָאִים הָאבְּן אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַאר יֶעדְן צוּ וִויסְן אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט אוּן נָאר אוֹיף אִים דַארְף מֶען זִיךְ פַארְלָאזְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיֵּשֶׁב יא)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### אַ פְּרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין דִי הֵיילִיגֶע אוּן פְּרֵיילִיכֶע טֶעג פוּן חֲנוּכָּה, וֶוען דִי הֵיילִיגֶע חַשְׁמוֹנָאִים הָאבְּן בַּאזִיגְט דִי שְׁלֶעכְטֶע יְוָנִים, אוּן צוּרִיק גֶעשְׁטֶעלְט דֶעם הֵיילִיגְן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן אוֹיפְגֶעלָאכְטְן דִי אוֹיגְן פוּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

חַזַ"ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ב, ד) אַז דִי יְוָנִים הָאבְּן פַארְטוּנְקְלְט דִי אוֹיגְן פוּן דִי אִידְן מִיט זֵייעֶרֶע שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת, זֵיי הָאבְּן בַּאפוֹילְן אַז מֶען מוּז אוֹיפְשְׁרַייבְּן אוֹיף דִי הֶערְנֶער פוּן דִי אָקְסְן אַז מֶען הָאט חַ"ו נִישְׁט קַיין חֵלֶק מִיטְ'ן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער. לָאמִיר נָאר אַרַיינְטְרַאכְטְן, פַארְוָואס רוּפְן עֶס דִי הֵיילִיגֶע חַזַ"ל "פַארְטוּנְקְלְט דִי אוֹיגְן"?

נָאר דֶער אֱמֶת אִיז אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט זַיין פְּרֵיילִיךְ אוּן אוֹיפְגֶעלֵייגְט נָאר אוֹיבּ עֶר הָאט אֱמוּנָה, עֶר גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט. יֶעדֶער מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ יֶעדְן טָאג צָרוֹת אוּן שְׁוֶוערִיקֵייטְן, קֵיינֶער קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן דֶעם, אֵייבִּיג אִיז דָא זַאכְן אִין אַ מֶענְטְשׁ'ס לֶעבְּן,

<<<<<<

## א גוט ווארט

אִיךְ בֶּעט דִיר שְׁטַארְק דִיר מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת, הָאבּ אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וֶועט דִיר נִישְׁט פַארְלָאזְן; זָאג צוּ זִיךְ אַלֵיינְס: **"בַּאלְד וֶועט זַיין גוּט", "נָאךְ אַבִּיסְל וֶועל אִיךְ אַרוֹיס גֵיין פוּן מַיינֶע חוֹבוֹת".**

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אוּנְטֶערְוֶועגְנְס, עֶר הָאט גֶעכַאפְּט אַ הִיטְשׁ מִיט אַ בַּעַל עֲגָלָה וֶועלְכֶער הָאט גֶעפִירְט פִילֶע זֶעק מִיט מֶעל אִין זַיין וָואגְן, פְּלוּצְלִינְג הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין אַ רֶעגְן, עֶס הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶערֶעגְנְט אַז אַלֶע זֶעק מִיט מֶעל אִיז גֶעוָוארְן טֵייג, אַנְשְׁטָאט וֶוערְן דֶערְבִּיטֶערְט אוּן צֶעבְּרָאכְן הָאט עֶר זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעזִינְגֶען אַ תְּנוּעָה'לֶע צוּ זִיךְ: **"יַעֲנְקְל שְׁטַארְק זִיךְ, יַעֲנְקְל שְׁטַארְק זִיךְ, בַּאלְד וֶועט גוּט זַיין";** פַאר רֶבִּי נָתָן אִיז דָאס זֵייעֶר גֶעפַאלְן, הָאט עֶר גֶענוּמֶען דֶעם נִיגוּן אוּן גֶעלֵייגְט אוֹיף דֶעם דִי וֶוערְטֶער: **"וּמִנּוֹתַר, וּמִנּוֹתַר, וּמִנּוֹתַר קַנְקַנִּים נַעֲשֶׂה נֵס לַשּׁוֹשַׁנִּים",** אַזוֹי אוֹיךְ, פוּן דָאס בִּיסְל גוּטְס וָואס מֶען טְרֶעפְט בַּיי זִיךְ וֶועט וֶוערְן גְרוֹיסֶע נִיסִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' מִקֵּץ תשע"ה)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## וָואס טוּ אִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען?

**שְׁאֵלָה:**

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הֶער אַסַאךְ אוֹיס אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים, אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט זֵייעֶר אַסַאךְ אַז מְ'דַארְף זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן אוּן זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיךְ הָאבּ אָבֶּער אֵיין פְּרָאבְּלֶעם, אַז אִיךְ הָאבּ פָּשׁוּט נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען...

אַלֶעס גֵייט מִיר ב"ה אוֹיפְ'ן בֶּעסְטְן אוֹפָן. אִיךְ בִּין ב"ה אַ חָתָן, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ חֲבֵרִים, אִיךְ קוּם פוּן אַ גוּטֶע שְׁטוּבּ, אִיךְ בִּין פוּן דִי מְצוּיָנִים אִין יְשִׁיבָה, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אִיז מִיר אַלֶעס זֵייעֶר גוּט ב"ה.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז סְ'מַאכְט זִיךְ אַמָאל קְלֵיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אָבֶּער נִישְׁט אַזֶעלְכֶע וָואס אִיךְ זָאל זִיךְ דַארְפְן מִיט דֶעם "אוֹיסְרֶעדְן" צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ו כִּסְלֵו, נֵר ב' דַּחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד הַחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט גֵיין צוּ דַיין חֲתוּנָה בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמוּצְלַחַת, אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן קִינְדֶער וָואס וֶועלְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אִין אָנְהֵייבּ אִיז טַאקֶע שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָבֶּער אֵיינְמָאל מֶען בְּרֶעכְט דָאס דוּרְךְ, מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אוּן מֶען טוּט דִי עֵצָה וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן - דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת - הָאט מֶען שׁוֹין נִישְׁט דֶעם פְּרָאבְּלֶעם פוּן נִישְׁט הָאבְּן וָואס צוּ רֶעדְן וְכוּ'. מֶען קֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין פַאר אֵיינֶעם וָואס לֶעבְּט נִישְׁט מִיט דִי עֵצָה וָואסְפַארַא זִיסֶע אַיינְגֶעגֶעמֶע טַעַם מֶען שְׁפִּירְט וֶוען מֶען גֵייט אוֹיף דֶעם וֶועג; מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: "אִלְמָלֵא לֹא בָּאתִי אֶלָּא לִשְׁמוֹעַ דָּבָר זֶה - דַּיֵּנוּ", וֶוען מִיר וָואלְטְן וֶוען מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן בְּלוֹיז צוּ הֶערְן דִי זַאךְ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת - וָואלְט שׁוֹין גֶענוּג גֶעוֶוען; פַאר דֶעם אַלֵיינְס הָאט זִיךְ גֶעלוֹינְט מִיר זָאלְן וִויסְן פוּן רֶבִּי'ן, אַז דֶער רֶבִּי זָאל אוּנְז אוֹיסְלֶערְנֶען מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן אִים פַארְצֵיילְט אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים וְכוּ' וְכוּ', הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "נָתָן, קוּם אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן", אַזוֹי גֵייעֶנְדִיג הָאט דֶער רֶבִּי אַרוֹיף גֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף רֶבִּי נָתָנְ'ס אַקְסְל אוּן אִים גֶעזָאגְט אַפָּאר וֶוערְטֶער, וָואס דִי פָאר

<<<<<<

>>>>>>

וֶועלְכֶע גֵייעֶן נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעוָואלְט, אַמָאל מֶער אוּן אַמָאל וֵוייניגֶער.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט נִישְׁט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס לִיגְט אִים נִישְׁט אִין דִי בֵּיינֶער אַז יֶעדֶער רִיר אוֹיף דֶער וֶועלְט קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶוערְט עֶר זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג פוּן דִי אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן, אוּן עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין הֲנָאָה אִין זַיין לֶעבְּן.

וֶוען אַ אִיד אִיז אָבֶּער שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אוּן גְלֵייבְּט אַז קַיין שׁוּם זַאךְ פַּאסִירְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין, יֶעדֶע זַאךְ הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכְן חֶשְׁבּוֹן פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאס אַזוֹי גֶעמַאכְט, דַאן הָאט עֶר אַ פְרֵיילִיכֶע אוּן גְלִיקְלִיכֶע לֶעבְּן, עֶר וֵוייסְט אַז דִי שְׁוֶועריקֵייטְן קוּמֶען אוֹיף פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דָאס אִיז זִיכֶער פַאר זַיין טוֹבָה, אוּן עֶר בֶּעט שְׁטֶענְדִיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן מִיט יֶעדְן פְּרָאבְּלֶעם, אוּן אַזוֹי קֶען עֶר זִיךְ שְׁטַארְקְן אַלֶעס אִיבֶּערְצוּקוּמֶען.

מִיט דֶעם וָואס דִי יְוָנִים הָאבְּן גֶעוָואלְט אוֹיסְרַייסְן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה פוּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, הָאבְּן זֵיי מִיט דֶעם פַארְטוּנְקְלְט דִי אוֹיגְן פוּן דִי אִידְן. זֵיי הָאבְּן פַארְלוֹירְן זֵייעֶר גַאנְצֶע מוּט אוּן חֵשֶׁק, זֵייעֶר גַאנְצֶער מוּט אִין לֶעבְּן. בִּיז דִי הֵיילִיגֶע חַשְׁמוֹנָאִים הָאבְּן בַּאזִיגְט דִי יְוָנִים אוּן צוּרִיק אַיינְגֶעבַּאקְן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה אִין דִי הֶערְצֶער פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

## שַׁבָּת מִילָה אוּן חוֹדֶשׁ

דִי יְוָנִים הָאבְּן זִיךְ סְפֶּעצִיעֶל פַארְלֵייגְט אוֹיף דִי דְרֵיי מִצְוֹת, אוֹיף שַׁבָּת, אוֹיף בְּרִית מִילָה, אוּן אוֹיף קִידּוּשׁ הַחוֹדֶשׁ. דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי דְרֵיי מִצְוֹת "שַׁ'בָּת מִ'ילָה חֹ'וֹדֶשׁ", אִיז "שָׂמֵחַ". מִיט דֶעם וָואס אַ אִיד גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר הִיט אַלֶע מִצְוֹת, וֶוערְט עֶר אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ. דָאס אִיז בַּיי יֶעדֶע מִצְוָה. אָבֶּער סְפֶּעצִיעֶל דִי דְרֵיי מִצְוֹת אִיז מֶער מְסוּגָל צוּ מַאכְן פְרֵיילִיךְ דֶעם מֶענְטְשׁ.

בַּיי שַׁבָּת זָאגְן דִי חַזַ"ל (יַלְקוּט שִׁמְעוֹנִי בְּהַעֲלוֹתְךָ רֶמֶז תשכ"ה) "וּבְיוֹם שִׂמְחַתְכֶם - אֵלּוּ הַשַּׁבָּתוֹת" - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן דֶעם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַאר דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַלְס אַ גוּטֶע מַתָּנָה, אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ פְרֵייעֶן אוּן הֲנָאָה הָאבְּן פוּנֶעם הֵיילִיגְן שַׁבָּת.

בַּיי בְּרִית מִילָה זָאגְט דִי גְמָרָא (שַׁבָּת ק"ל.) אַז דִי מִצְוָה פוּן בְּרִית מִילָה הָאבְּן דִי אִידְן מְקַבֵּל גֶעוֶוען בְּשִׂמְחָה, אוּן זֵיי טוּעֶן עֶס נָאךְ בִּיז הַיינְט מִיט גְרוֹיס פְרֵייד, מֶען מַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה אוּן מֶען פְרֵיידְט זִיךְ אַז מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מַאכְן אַ בְּרִית.

אוּן אוֹיף רֹאשׁ חוֹדֶשׁ זָאגְט דִי גְמָרָא (פְּסָחִים ע"ז.) אַז עֶס הֵייסְט אַ יוֹם טוֹב, וַוייל אַלֶע יָמִים טוֹבִים זֶענֶען דָאךְ אָנְגֶעהָאנְגֶען אוֹיף רֹאשׁ חוֹדֶשׁ. לוֹיט וֶוען עֶס אִיז רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, לוֹיט דֶעם וֵוייסְט מֶען וֶוען עֶס אִיז אַלֶע יָמִים טוֹבִים. אוּן מִיר זֶעעֶן טַאקֶע וִוי אִידִישֶׁע קִינְדֶער טַאנְצְן אוּן פְרֵייעֶן זִיךְ בַּיי "קִידּוּשׁ לְבָנָה" יֶעדְן חוֹדֶשׁ.

זֶעעֶן מִיר פוּן דֶעם אַז דִי דְרֵיי מִצְוֹת זֶענֶען סְפֶּעצִיעֶל מְסוּגָל צוּ מַאכְן פְרֵיילִיךְ דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן דֶערִיבֶּער הָאבְּן זִיךְ דִי יְוָנִים דַוְקָא פַארְלֵייגְט אוֹיף דִי מִצְוֹת. זֵיי הָאבְּן נָאר גֶעוָואלְט אַז דִי אִידְן זָאלְן פַארְלִירְן זֵייעֶר שִׂמְחָה אוּן מוּט, זֵיי זָאלְן פַארְלִירְן זֵייעֶר הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה אוּן דוּרְךְ דֶעם פַארְלִירְן זֵייעֶר גַאנְצֶער חֵשֶׁק אִין לֶעבְּן. וַוייל וֶוען אַ אִיד לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז עֶר דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער אוּן פְרֵיילִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רְמָ"א הוֹיבְּט אָן דֶעם עֶרְשְׁטְן סְעִיף אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִיט דִי וֶוערְטֶער "שִׁוִּיתִי ה' לְנֶגְדִּי תָמִיד" אַז יֶעדֶער אִיד דַארְף הַאלְטְן פַאר דִי אוֹיגְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים שְׁטֶענְדִיג. אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רְמָ"א עֶנְדִיגְט דֶעם שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִיט דִי וֶוערְטֶער "וְטוֹב לֵב מִשְׁתֶּה תָמִיד" אַז אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ.

דִי צְוֵויי זַאכְן גֵייעֶן אִינְאֵיינֶעם הַאנְט בַּיי הַאנְט. וִוי אַזוֹי קֶען אַ אִיד זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ? עֶס גֵייט דָאךְ נִישְׁט אֵייבִּיג אַזוֹי וִוי עֶר וִויל, עֶר הָאט דָאךְ פִילֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים? וֶוען אַ אִיד גֶעדֶענְקְט אָבֶּער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלֶעמָאל מִיט אִים, עֶר גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר גֶעדֶענְקְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט קֵיינֶעם אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן קֶען עֶר זַיין אֵייבִּיג פְרֵיילִיךְ.

## אוֹיף וָואס זָאל מֶען דִי עֶרְשְׁטֶע בֶּעטְן?

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ב) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת, עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל פָּטוּר וֶוערְן פוּן אַלֶע זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, אוּן הָאבְּן נָאר גוּטֶע מִדּוֹת, דַארְף עֶר קוֹדֶם בֶּעטְן אוֹיף אֵיין מִדָּה אוּן אַרְבֶּעטְן נָאר אוֹיף דֶעם בִּיז עֶר וֶועט אִינְגַאנְצְן אוֹיסְאַרְבֶּעטְן דִי מִדָּה, אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר גֵיין צוּ דִי צְוֵוייטֶע אוּן צוּ דִי דְרִיטֶע אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

> **וַוארְט נִישְׁט אוֹיף מָארְגְן צוּ זַיין פְּרֵיילִיךְ, וַוייל וִוי אַזוֹי וֵוייסְטוּ וָואס מָארְגְן וֶועט זַיין? פְּרוּבִּיר צוּ זַיין הַיינְט פְּרֵיילִיךְ, נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי אַזוֹי דֶער מַצָב אִיז.**

שְׁטֶעלְט זִיךְ אָבֶּער דִי שְׁאֵלָה, פוּן וואוּ הוֹיבְּט מֶען אָן? וֶוען מֶען אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, אוֹיף וֶועלְכֶע מִדָּה זָאל מֶען דִי עֶרְשְׁטֶע בֶּעטְן?

דִי עֶרְשְׁטֶע מִדָּה אוֹיף וָואס מֶען דַארְף בֶּעטְן אִיז אוֹיף שִׂמְחָה, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין צוּגֶעלֵייגְט אוּן טְרוֹיעֶרִיג, וַוייל וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ פַאלְט שׁוֹין מְמֵילָא אַוֶועק אַלֶע אַנְדֶערֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, וָואס קוּמֶען פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַלֶע גוּטֶע מִדּוֹת.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד וָואס הָאט גֶעהֵייסְן רֶבִּי עוֹזֵר, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹבֵד ה', מִיט פוּלְסְטְן בְּרֶען אוּן עֶרְנְסְטְקֵייט, אוּן פוּן

<<<<<<

>>>>>>

זַיין גְרוֹיסֶע עֲבוֹדָה הָאט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שְׁמֵייכְל אוֹיפְ'ן פָּנִים, עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען צוּגֶעלֵייגְט, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט זָאגְן אוֹיף דִיר עוֹזֵר אַז דוּ בִּיזְט פְרוּם (עֶרְנְסְט), אִיךְ הָאבּ אָבֶּער נִישְׁט אַזוֹי מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן רֶבִּי'ן, דֶער עִיקָר אִיז צוּ זַיין פְרֵייליךְ, אוּן פְרוּם אוֹיךְ". דָאס מֵיינְט אַז דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זִיךְ פַארְלֵייגְן אוֹיף שִׂמְחָה, שְׁטֶענְדִיג זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן זַיין פְרֵייליךְ.

צִי עֶס גֵייט גוּט אָדֶער שְׁלֶעכְט, וֶועט דֶער טָאג סַיי וִוי אַרִיבֶּער גֵיין. מִמֵּילָא פַארְוָואס זָאל מֶען נִישְׁט זַיין פְרֵייליךְ אִינֶעם טָאג? חֲזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא, שְׁמִינִי) "אֵין הַשִּׂמְחָה מַמְתֶּנֶת לָאָדָם, לֹא כָּל מִי שֶׁשָּׂמֵחַ הַיּוֹם שָׂמֵחַ לְמָחָר", אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ צוּ גֶעדֶענְקְן, וַוייל גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען עֶס קוּמְט אַ שְׁוֶוערֶע טָאג, זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט אַזוֹי וִוי מֶען וִויל, אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין פְרֵייליךְ, אוּן מֶען טְרַאכְט "מָארְגְן וֶועט זַיין אַ בֶּעסֶערֶע טָאג, מָארְגְן וֶועל אִיךְ זַיין פְרֵייליךְ". דֶערְפַאר זָאגְן אוּנְז דִי חֲזַ"ל: וַוארְט נִישְׁט אוֹיף מָארְגְן צוּ זַיין פְרֵייליךְ, וַוייל וִוי אַזוֹי וֵוייסְטוּ וָואס מָארְגְן וֶועט זַיין? פְּרוּבִּיר צוּ זַיין הַיינְט פְרֵייליךְ, נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי אַזוֹי דִי מַצָּב אִיז, אוּן דָאס וֶועט מַאכְן אַז דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט אַלֶעס, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵייליךְ אִיז עֶר מַצְלִיחַ.

דִי בְּחִירָה לִיגְט אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, וִוי אַזוֹי עֶר זָאל אָנְנֶעמֶען זַיין לֶעבְּן, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט "רְאֵה אָנֹכִי נוֹתֵן לִפְנֵיכֶם 'הַיּוֹם' בְּרָכָה וּקְלָלָה" - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַאר'ן מֶענְטְשׁ אַ מַתָּנָה אַ 'טָאג', אוּן עֶר קֶען מִיט דֶעם מַאכְן אַ בְּרָכָה אָדֶער אַ קְלָלָה, פְרֵייליךְ אָדֶער טְרוֹיעֶרִיג, מֶען קֶען אָנְנֶעמֶען דֶעם טָאג גוּט, קוּקְן נָאר אוֹיף דִי גוּטֶע חֲלָקִים וָואס מֶען הָאט אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם, אוּן מֶען קֶען אַלֶעס אָנְנֶעמֶען שְׁלֶעכְט, אוּן זַיין טְרוֹיעֶרִיג, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "וּבָחַרְתָּ בַּחַיִּים", וֶועל אוֹיס דָאס לֶעבְּן, צוּ זַיין פְרֵייליךְ אוּן צוּפְרִידְן, דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ הָאבְּן אַלֶעס גוּטְס.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה אַרַיינְצוּנֶעמֶען אִין זִיךְ דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, שְׁטֶענְדִיג צוּ גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס פִירְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן דַאן וֶועט עֶר אֵייבִּיג זַיין פְרֵייליךְ, אוּן עֶר וֶועט הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(תּוֹךְ הַנַּחַל מִקֵּץ תשנ"ט, שִׂיחוֹת מוֹהֲרַא"שׁ חֵלֶק י"ג עֶרֶךְ וְטוֹב לֵב מִשְׁתֶּה תָּמִיד, וְחֵלֶק י' עֶרֶךְ שִׂמְחָה)

# נֵס חֲנוּכָּה שְׁנַת תשכ"ד

וֶוען עֶס הָאט זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְט דֶער יוֹם טוֹב חֲנוּכָּה אִין יָאר תשכ"ד הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קוּמֶען צוּ מוֹהֲרַא"שׁ בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט צוּ נֶעמֶען חִיזוּק. אֵיין גְרוּפֶּע בָּחוּרִים הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אִין אַ גֶעווִיסֶע יְשִׁיבָה, אוּן יֶענֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז זֵייעֶר בְּרוֹגֶז גֶעוֶוען אַז דִי בָּחוּרִים הָאבְּן שַׁייכוּת מִיט בְּרֶסְלֶב'עֶ זַאכְן, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רוֹדְפְ'ן דִי בָּחוּרִים אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין שַׁייכוּת מִיט מוֹהֲרַא"שׁ אוּן מִיט בְּרֶסְלֶב.

דַאן הָאבְּן דִי בָּחוּרִים אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן בְּרִיוְון פַאר מוֹהֲרַא"שׁ. אִין דִי בְּרִיוְון הָאבְּן זֵיי זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן זֵייעֶר הַארְץ אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף זֵיי אַרִיבֶּער, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן פוּן מוֹהֲרַא"שׁ אַז עֶר זָאל זֵיי צוּרִיק שְׁרַייבְּן בְּרִיוְון מִיט חִיזוּק אוּן עֵצוֹת, אוּן אַזוֹי וֶועלְן זֵיי נִישְׁט דַארְפְן אַרִיבֶּערְקוּמֶען צוּ מוֹהֲרַא"שׁ אִינְדֶערְהֵיים אוּן דָאס וֶועט זַיין גְרִינְגֶער פַאר זֵיי.

מוֹהֲרַא"שׁ הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעהַאט גֶעטוּן דָאס פְרִיעֶר, צוּ שְׁרַייבְּן בְּרִיוְון מִיט חִיזוּק וְהִתְעוֹרְרוּת, אוּן עֶס הָאט אִים נִישְׁט גֶעשְׁמֶעקְט דָאס אָנְצוּהוֹיבְּן צוּ טוּן, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז עֶס לִיגְט אִין דֶעם אַ גֶעוַואלְדִיגֶע אַחְרָיוּת.

מוֹהֲרַא"שׁ פְלֶעגְט נָאכְזָאגְן פוּן רֶבִּי נָתָן אַז צוּ רֶעדְן צוּ מֶענְטְשְׁן אוּן גֶעבְּן עֵצוֹת פַאר מֶענְטְשְׁן, אִיז אַ גְרוֹיסֶע אַחְרָיוּת. אֶפְשָׁר וֶוען מֶען אִיז מְחַזֵּק דֶעם מֶענְטְשׁ, דַארְף עֶר גָאר יֶעצְט מֶער הִתְעוֹרְרוּת וִוי הִתְחַזְּקוּת. אוּן אַמָאל פַארְקֶערְט, מֶען אִיז מְעוֹרֵר אַ מֶענְטְשׁ, מֶען זָאגְט אִים מוּסָר, אוּן בֶּאֱמֶת דַארְף עֶר דֶעמָאלְט אַסַאךְ הִתְחַזְּקוּת, אוּן מִיט דֶעם וָואס מֶען זָאגְט אִים דֶעמָאלְט מוּסָר צוּבְּרֶעכְט מֶען יֶענֶעם אִינְגַאנְצְן.

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זֶענֶען אָבֶּער גֶעקוּמֶען זֵייעֶר אַסַאךְ אִידְן בֶּעטְן חִיזוּק פוּן מוֹהֲרַא"שׁ, עֶר הָאט בַּאקוּמֶען זֵייעֶר אַסַאךְ בְּרִיוְון, אוּן עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַן אַחְרָיוּת אַז עֶר קֶען וֶוען הֶעלְפְן דִי מֶענְטְשְׁן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן. דֶערִיבֶּער הָאט אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל וִויסְן וָואס עֶר דַארְף צוּ טוּן. צִי עֶר זָאל אָנְהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן אוּן שְׁרַייבְּן צוּ מֶענְטְשְׁן אָדֶער נִישְׁט.

אֵיין טָאג הָאט עֶר זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיבֶּער דֶעם, אַסַאךְ שָׁעוֹת הָאט עֶר גֶעוֵויינְט אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל וִויסְן וָואס צוּ טוּן, בִּיז עֶס אִיז גֶעוָוארְן נַאכְט, אוּן מוֹהֲרַא"שׁ הָאט זִיךְ גֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן מִיט הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן דַאן הָאט עֶר זִיךְ גֶע'חָלוֹמְ'ט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטְן חָלוֹם, אוּן דָאס הָאט אִים גֶעשְׁטַארְקְט אוּן מְחַזֵּק גֶעוֶוען אַז עֶר זָאל אָנְהוֹיבְּן צוּ שְׁרַייבְּן דִי בְּרִיוְון.

פוּן דֶעמָאלְט, עֶרֶב חֲנוּכָּה שְׁנַת תשכ"ד, הָאט מוֹהֲרַא"שׁ אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים, קוֹדֶם דִי בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק וָואס זֶענֶען גֶעדְרוּקְט אִין "אֲשֶׁר בַּנַּחַל", אוּן דֶערְנָאךְ נָאךְ פִילֶע סְפָרִים אוֹיף אַלֶע עִנְיָנִים.

בְּמֶשֶׁךְ דִי יָארְן זֶענֶען גֶעדְרוּקְט גֶעוָוארְן אִיבֶּער זִיבֶּעצִיג טוֹיזְנְט בְּרִיוְון פוּן מוֹהֲרַא"שׁ, דִי בְּרִיוְון זֶענֶען מְחַיֶּה אוּן מְחַזֵּק טוֹיזְנְטֶער אִידְן אוּן דֶערְנֶענְטֶערְט זֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

כָּאטְשׁ וָואס מוֹהֲרַא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן גָאר אַסַאךְ סְפָרִים, טוֹיזְנְטֶער קוּנְטְרֵסִים אוּן סְפָרִים הָאט מוֹהֲרַא"שׁ גֶעשְׁרִיבְּן אוּן גֶעדְרוּקְט אִין זַיין לֶעבְּן, פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט מוֹהֲרַא"שׁ גֶעהֵייסְן שְׁרַייבְּן אוֹיף זַיין מַצֵּבָה "בַּעַל הַמְחַבֵּר סִפְרֵי שׁוּ"ת אֲשֶׁר בַּנַּחַל", דִי בְּרִיוְון פוּן דֶעם סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" הָאבְּן צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט פִילֶע טוֹיזְנְטֶער אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה.

מוֹהֲרַא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן אַז כְּדֵי צוּ קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין אִין דֶעם סֵפֶר "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זַיין גוּט צֶעבְּרָאכְן. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס וֶועט עֶר גָארְנִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען וִויל דָא, עֶר וֶועט נָאר זֶען פְּשׁוּטֶע זַאכְן, אוֹיבּ אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶועריִקַייטְן אִין לֶעבְּן, עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט צָרוֹת, עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דַאן קֶען עֶר טְרֶעפְן זַיין הָאפֶענוּנְג אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר, דִי בְּרִיוְון וֶועלְן אִים שְׁטַארְקְן אוּן מְחַזֵּק זַיין אוּן וַוייזְן דֶעם וֶועג וִוי אַזוֹי מַצְלִיחַ צוּ זַיין אִין לֶעבְּן, וִוי אַזוֹי צוּ הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת.

>>>>>>

וֶוערְטֶער הָאט גֶעטוֹישְׁט רֶבִּי נָתָנְ'ס גַאנְצֶע לֶעבְּן, דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אוּן וַוייטֶער אִיז גוּט, אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּ אַ גוּטֶע פְרֵיינְד"; דֶער רֶבִּי הָאט אִים דֶעמָאלְט מְגַלֶּה גֶעוֶוען דֶער עִנְיָן פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ וָואס עֶר אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן אוּן אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, עֶר זָאל גָארְנִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זִיךְ צוּ פִירְן מִיט דִי הַנְהָגָה, וֶועט אִים אַלֶעס גֵיין גְרִינְגֶער אוּן עֶר וֶועט הָאבְּן אַ זִיס לֶעבְּן.

רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְט: "וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אַרוֹיף גֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף מַיין אַקְסְל אוּן מִיר גֶעזָאגְט דִי ווֶערְטֶער: 'אוּן וַוייטֶער אִיז גוּט, אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּ אַ גוּטֶע פְרֵיינְד', הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין אַ גֶעהָאלְפֶענֶער, וַוייל וָואס עֶס זָאל נָאר נִישְׁט אַרִיבֶּער גֵיין אוֹיף מִיר וֶועל אִיךְ זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, נָאר אִיךְ וֶועל גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן".

אִין אָנְהֵייבּ אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּפְרַט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז נֶעבֶּעךְ פַארְשְׁמִירְט מִיט חַטְאוֹת נְעוּרִים אִין פְּגַם הַבְּרִית, דֶעמָאלְט אִיז אִים שְׁוֶוער צוּ עֶפֶענֶען זַיין מוֹיל אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן נ): "כִּי כָּל הַפּוֹגֵם בַּבְּרִית", ווֶער עֶס אִיז פּוֹגֵם אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, "אֵין יָכוֹל לְהִתְפַּלֵּל", דֶער קֶען נִישְׁט דַאוֶוענֶען, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט פַארְלִירְט עֶר דִי אֱמוּנָה עֶר זֶעט נִישְׁט אוּן שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דַארְף מֶען אוֹיף דֶעם אַלֵיינְס בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען זָאל קֶענֶען רֶעדְן.

ווֶער נָאךְ דַארְף אַזוֹי סַאךְ דַאוֶוענֶען אוּן בֶּעטְן וִוי אַ חָתָן וָואס דַארְף בֶּעטְן פַאר זַיין לֶעבְּן; עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ וָואס וֶועלְן גֵיין בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה וְהַיִּרְאָה. דוּ וֵוייסְט דָאךְ דִי מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט וֶוען דֶער רֶבִּי'ס טָאכְטֶער אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן זִיךְ בַּאקְלָאגְן אַז אִיר דִינְסְט אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן אִיר אוּן זִי דַארְף אַ דִינְסְט צוּ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ, הָאט אִיר דֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט: "הָאסְט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ דִינְסְט וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעשְׁטַאנֶען אוּנְטֶער דִי חוּפָּה?" זֶעט מֶען אוֹיף וָואס מֶען דַארְף אַלְץ בֶּעטְן - פַאר יֶעדֶע פְּרַט אִין לֶעבְּן, אֲפִילוּ אוֹיף צוּ הָאבְּן אַ הֶעלְפֶער אִין שְׁטוּבּ.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים, אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.**

(גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' מִקֵּץ תשע"ט)

BreslevCenter.com\answers

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## שיינער שידוך פון א תלמיד הישיבה

א פרייליכע אטמאספער האט ארומגענומען די בחורי הישיבה ביים הערן די נייעס איבער דעם פרישן חתן אין ישיבה. הבחור החשוב אליעזר שמן נ"י איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג בת הרה"ג מוה"ר גד סאלאמאן שליט"א, ראש הכולל להוראה אין יבנאל.

דער חתן איז נישט לאנג צוריק געווען אין יבנאל, וואו ער האט אויסגעזאגט גאנץ תהלים ברציפות ביים ציון הק' פון מוהרא"ש זי"ע, אזוי ווי מוהרא"ש האט צוגעזאגט, און ער האט דאס געהייסן אויסקריצן אויף זיין מצבה, אז יעדער בחור אדער מיידל וואס וועט קומען צו זיין ציון און דארט אויסזאגן גאנץ תהלים ברציפות לזכותו, וועט ער טון אלעס וואס ער קען אז זיי זאלן טרעפן זייער שידוך גרינג און שנעל. גלייך נאכ'ן ענדיגן דעם שידוך איז געקומען דער ערשטער רוף אנצוטראגן דעם שידוך, און די וואך איז דער שידוך ב"ה אויסגעפירט געווארן בשעה טובה ומצלחת.

דער חתן איז גאר באקאנט מיט זיינע מדות טובות. אויסער זיינע פילע שיעורים וואס ער לערנט יעדן טאג, האט ער אויך זייער אסאך ארויסגעהאלפן אין ישיבה מיט וואס ס'האט זיך נאר אויסגעפעלט. וואונטשן מיר אים יעצט אז די אלע זכותים זאלן אים שטיין צו די האנט, ער זאל זוכה זיין אויפצושטעלן א בית נאמן בישראל, מיט דורות ישרים ומבורכים.

**שמח תשמח רעים האהובים!**

***

## פירות פון די ערשטע חתונה אין בית המדרש

ווען עס איז פארגעקומען די ערשטע חתונה אין בית המדרש מיט אן אנדערהאלבן יאר צוריק, האט דאס געצויגן פיל אויפמערקזאמקייט ביים היימישן ציבור. עס איז נישט קיין סוד ווי שווער עס קומט אן חתונה צו מאכן די קינדער ביי אונזער עולם, די הוצאות זענען אומגעהויער גרויס, און רוב עולם קען עס נישט דערהייבן, און זעענדיג אז ס'איז דא א מציאות אז די חתונה נאכט דארף ממש גארנישט קאסטן, מ'קען חתונה מאכן אין א שול פאר ממש אומזיסט, האט עס געהויבן די געמיטער אז ס'איז נאך דא האפענונג אז איין טאג וועט מען קענען חתונה מאכן די קינדער מיט אמת'ע רואיגקייט און שמחה, קענען זיך אמת'דיג פרייען אפילו ביי די חתונה פונעם צענטן קינד, אן דעם וואס דאס הארץ זאל דארפן דרוקן.

פון די אנדערע זייט איז עס אבער געווען א גרויסע רעוועלוציע, אזוי ווי ס'איז געווארן איינגעפירט נאך די צווייטע וועלט קריג אז א חתונה דארף זיין דוקא אין א זאל, אנדערש ווי ס'איז געווען אנגענומען ביי אידן אלעמאל אז מ'פלעגט חתונה מאכן אינדערהיים אדער אין שול, האבן אידן זיך געוואונדערט אויב דאס וועט זיך טאקע אויסארבעטן ווי עס דארף צו זיין.

די וואך איז געבוירן געווארן א אינגל למזל טוב צו די ערשטע פארפאלק וואס האט חתונה געהאט אין ישיבה. דער נייער טאטע, מו"ה הערש שניטצלער הי"ו, מלמד מומחה במוסדותינו הקדושים, פריידט זיך מיט זיין ניי געבוירן קינד, און מ'האט שוין פון לאנג פארגעסן וואו די חתונה איז אפילו פארגעקומען.

ווען מ'קוקט מיט א ניכטערן בליק אויף צוריק, קען מען ממש נישט פארשטיין וואס ס'בלייבט איבער פון די שווערע געלטער וואס מ'פארשווענדט פאר די עטליכע שעה פון די חתונה נאכט. וואס העלפט דאס צו? וואס מאכט א חילוק אין לעבן צי די חתונה איז געווען אין א טייערע זאל, אדער איז עס געווען אין א שול? צי ס'איז געווען עכטע בלומען אדער פאלשע? צי ס'איז געווען מוזיק פון א פלעיער אדער פון א שפילער, אדער עטליכע שפילער? און אזוי ווייטער די איבריגע גרויסע געלטער וואס ווערט אויסגעגעבן ביי א חתונה, בלויז ווייל "יעדער טוט אזוי", ווייל "אזוי קומט עס".

דער עיקר איז דאך נאר וואס קומט נאך די חתונה, אז די פארפאלק איז זוכה אויפצושטעלן א אידישע שטוב, א בית נאמן בישראל, און עס ציהט זיך ווייטער דורות ישרים ומבורכים. און דאן מאכט בכלל נישט אויס וואו די חתונה איז געווען, קיינער געדענקט עס ניטאמאל.

**דורות ישרים ומבורכים!**

***

## ימי החנוכה אין ישיבה

די געהויבענע טעג פונעם יום טוב חנוכה, ווערט אויסגענוצט אין ישיבה מיט א שטארקייט, ווען די בחורים זיצן און לערנען זייער פלייסיג, ניצנדיג די השפעות פונעם הייליגן יום טוב אויפ'ן בעסטן פארנעם.

ביי די שיעורים אין חנוכה האט דער ראש ישיבה אסאך ארומגערעדט פון די חיזוק וואס מיר קענען ארויסנעמען פון די נסים וואס דער אייבערשטער האט געמאכט מיט די אידישע קינדער בימים ההם בזמן הזה, ווי אזוי די קליינע הייפעלע פון די הייליגע חשמונאים האבן באזיצט די גרויסע און מעכטיגע מיליטער פון די יוונים, ווי אזוי זיי האבן צוריק אויפגעבויעט דעם צעבראכענעם בית המקדש, און כאטש וואס די יוונים האבן מטמא געווען אלע אויל, האט דער אייבערשטער אבער געהאלפן אז מ'האט געטראפן א קליין קריגעלע אויל וואס איז געווען גענוג נאר פאר איין טאג, און דער אייבערשטער האט געמאכט א נס אז ס'האט געברענט פאר אכט טעג.

דער ראש ישיבה שליט"א האט ארויסגעברענגט אז כאטש וואס ס'איז דאך געווען אזויפיל צרות דעמאלט, דער גאנצער בית המקדש איז געווען צעבראכן און טמא, וואלטן דאך די חשמונאים געקענט מאכן אויף דעם א טרויער טאג, האבן זיי זיך אבער זייער געפריידט און געמאכט א פרייליכער יום טוב מיט די קליין ביסל טהור'ע אויל וואס זיי האבן געטראפן. דאס לערנט אונז אז אפילו א מענטש שפירט ביי זיך אז ער איז אינגאנצן צעבראכן און טמא, זאל ער נישט אויפגעבן און אריינפאלן אין א יאוש, נאר ער זאל זיך שטארקן און אויפזוכן דאס קליין קריגעלע טהור'ע אויל וואס ער האט נאך יא, יעדער איד איז פול מיט מצות ומעשים טובים, אפילו פושעי ישראל מלאים מצות כרמון, און מיט דעם זאל זיך דער איד זייער פרייען, ער זאל זיך פרייען אז ער איז זוכה צו עסן כשר'ס, ער היט שבת, ער גייט מיט ציצית, ער טוט אן תפלין, ער האט א בארד און פאות, און אזוי ווייטער האט יעדער איד גענוג און נאך גוטע זאכן מיט וואס ער קען זיך זייער פרייען. און אז ער וועט זיך פרייען מיט די ביסל גוטס וואס ער האט אין זיך, וועט דאס שוין ברענגען אז ער וועט ווערן אינגאנצן גוט.

דערפאר איז די מצוה צו צינדען די חנוכה ליכט אינדרויסן אויפ'ן גאס ברשות הרבים, ביינאכט ווען ס'איז טונקל, און גאר נידריג למטה מעשרה טפחים; אונז צו ווייזן אז אין סיי וועלכע מצב א איד געפונט זיך נאר, האט ער נאך אייביג אן האפענונג, ער קען זיך נאך צוריק אנצינדען זיין הייליגע נשמה, נר ה' נשמת אדם.

ווען מ'זיצט ביי די הייליגע חנוכה ליכט, איז דאן די בעסטע צייט זיך אויסצובעטן ביים אייבערשטן, עס הערשט דאן א געוואלדיגער עת רצון, מ'קען זיך אויסבעטן ביים אייבערשטן אלעס וואס מ'וויל און וואס מ'דארף. און דאס בעסטע איז ווען מ'רעדט צום אייבערשטן אויף די אייגענע שפראך, אזוי ווי מ'וואלט זיך אויסגערעדט פאר א גוטער און נאנטער חבר. דער אייבערשטער הערט אויס יעדעס ווארט וואס מ'רעדט צו אים, און ער וועט זיכער העלפן די אלע וואס ווענדען זיך צו אים.

ביים שיעור פאר אינגעלייט דעם פארגאנגענעם דאנערשטאג נאכט האט דער ראש ישיבה שליט"א אויך גערעדט אז חנוכה איז א צייט פון חינוך, מ'דארף זיצן אינדערהיים מיט די קינדער, זיי דערציילן די גרויסע נסים וואס דער אייבערשטער האט מיט אונז געטון, און אז דער אייבערשטער טוט אויך היינט גרויסע נסים און העלפט יעדן וואס רעדט צו אים און בעט זיך ביי אים. נישט ווי געוויסע ווילן זאגן אז מ'דארף פארן קיין אומאן אויף שבת חנוכה, דער הייליגער רבי האט נאר געזאגט אז מ'זאל קומען צו אים אויף ראש השנה, אבער שבת חנוכה דארף מען זיין אינדערהיים מיט די פאמיליע, און אריינברענגען אין זיי די הייליגע אמונה.

מיר האבן נאכגעברענגט עטליכע נקודות פון וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט גערעדט, אבער אויסער דעם האט מען געהערט נאך גאר אסאך הערליכע דברי חיזוק והתעוררות, ווי עס איז שוין היינט ברייט באקאנט איבער די גאנצע וועלט די גאר הערליכע און אינהאלטסרייכע דרשות און שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א, פול מיט עצות און הדרכות ווי אזוי זיך צו קענען אן עצה געבן אין לעבן ברוחניות ובגשמיות, און מצליח זיין אויפ'ן בעסטן פארנעם.

מ'קען הערן די אלע שיעורים אויפ'ן קול ברסלב טעלעפאן ליין **212-444-9191** (פאר די איבריגע נומערן, זע ביים סוף פונעם גליון) וואס ווערט צוגעהערט טאג טעגליך דורך צענדליגע טויזנטער אידן פון איבער די וועלט.

**בני בינה ימי שמונה קבעו שיר ורננים!**


## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר
מו"ה **הערשי שניטצלער** הי"ו
מלמד מומחה במוסדותינו הקדושים
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**
דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זען אסאך אידיש נחת געזונטערהייט, בני חיי ומזוני רויחי, מיט דורות ישרים ומבורכים

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר
החתן **אליעזר שמן** הי"ו
**וואס איז א חתן געווארן למז"ט עב"ג**
דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, ער זאל אויפשטעלן א בית נאמן בישראל מיט דורות ישרים ומבורכים

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך;**
**דעליווערט צו אייער טיר!**
רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו
**347-509-4908**
**מיר ווען פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**



**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; און נאך >** 212-444-9191 / 845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361
**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**



**הגליון נתנדב לזכות יחזקאל בן רחל פיגא, וזו' הענדיל בת שיינדל, ובנם נחמן נתן**